דעם 3טן אויגוסט 1985 אַזייגער 11 אין דער פֿרי

***ערשטע זיצונג פֿון דער לערערשאַפֿט***

1. באַגריסונגען.

2. די יסודות פֿון דער פּראָגראַם —
(א) אַן אינטענסיווער שפּראַך־קורס.
(ב) אַן אוניווערסיטעטישער סטיל און ניוואָ.
(ג) די נייטיקייט אין טעגלעכער געשריבענער היימאַרבעט.
(ד) עקזאַמענס אָדער זמן־אַרבעטן.
(ה) די אַקאַדעמישע פֿרייהייט פֿון איטלעכן לערער.

3. די לערער ווערן געבעטן אָנצוהייבן מיט די קלאַסן צו דער מינוט.

4. אויב נאָר מעגלעך וואָלט געווען כּדאַי רעדן יידיש מיט די סטודענטן אויך אויסערן קלאַס (אין די הפסקות, ביי די נאָכמיטיק־אונטערנעמונגען און גלאַט אַזוי ווען מען טרעפֿט זיך), אויסמיידן אויף ווי ווייט מעגלעך די לאַנדשפּראַכן.

5. די איינטיילונג פֿון די סטודענטן אויף פֿיר קלאַסן. אַלע לערער ווערן געבעטן באַלד ביים אָנהייב, מאָנטיק אין דער פֿרי, צו „פֿאַרשיקן" ניט־צוגעפּאַסטע סטודענטן אין קלאַס וואו זיי געהערן בכדי דער גאַנצער עסק זאָל שוין זיין איינגעסדרט ביז דינסטיק אין דער פֿרי.

6. רייכערן און רעקאָרדיר־מאַשינען און להבדיל געסט ווערן ניט דערלויבט אין די קלאַסן. די לעצטע צוויי ווערן אָבער יאָ דערלויבט ביי די נאָכמיטיק־לעקציעס (רעקאָרדירן אָבער בלויז מיט דער דערלויבעניש פֿונעם שייכותדיקן גאַסט־לעקטאָר).

7. דאָס צוגרייטן ווייטערדיקע פֿאָטאָקאָפּיעס פֿאַר די קלאַסן.

8. דאָס אויפֿנעמען און פֿאָרשטעלן די גאַסט־לעקטאָרן.

דינסטיק 6 אויגוסט — חנה צעלניקער. דוד דזשאַנאָגלי.

פֿרײַטיק 9 אויגוסט — וואָלף מאָסקאָוויטש.

מאָנטיק 12 אויגוסט — מאיר באָגדאַנסקי.

דינסטיק 13 אויגוסט — י. א. ליסקי.

פֿרײַטיק 16 אויגוסט — אײַזיק גאָלדבערג.

דינסטיק 20 אויגוסט — לײַבע רײַזען.

פֿרײַטיק 23 אויגוסט — א קאָרפּינאָוויטש.

מאָנטיק 26 אויגוסט — דוב נוי. מ ריטשאַרדסאָן.

דינסטיק 27 אויגוסט — הערמאַן דיס.

9. ואחרון אחרון חביב — איר זײַט אַלע האַרציק פֿאַרבעטן אויף קבלת פּנים לחײמס בײַ מיר אין דער היים הײַנט אויף דער נאַכט אַזײגער 9. דער אַדרעס:

13 Lake Street
off Abingdon Road
New Hinksey
OXFORD